**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/26/2022 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט הויפט גרייכפונקט אין אוועקשטעלן זיכערע רעטייערמענט פלאן אפציעס פאר פריוואטע סעקטאר ארבעטער**

***דער ניו יארק ׳סעקיור טשאויס׳ סעיווינגס פראגראם באָורד האט געהאלטן איר ערשטע זיצונג אום מיטוואך, יאנואר 26׳סטן***

***איינפירונג פון רעטייערמענט סעיווינגס פראגראם הויבט זיך אן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אויסגעמאלדן דער פארזאמלונג פון דער ניו יארק סטעיט ׳סעקיור טשאויס׳ סעיווינגס פראגראם באורד. דאס איז דער ערשטער פאזע אין אוועקשטעלן א זיכערע רעטייערמענט סעיווינגס פלאן פאר ארבעטער אין ניו יארק׳ס פריוואטע סעקטאר. גאווערנער האקול האט אונטערגעשריבן לעגיסלאציע פאריגעס יאר אין הערבסט צו פארזיכערן אז דער ׳סעקיור טשאויס׳ סעיווינגס פראגראם, וועלכס איז ארגינעל איינגעפירט געווארן אין 2018, איז זעלבסט-אויסהאלטנד פאר ארבעטער וואס האבן נישט קיין צוטריט צו ארבעטסגעבער-ספאנסירטע רעטייערמענט פלענער.

״דער ניו יארק ׳סעקיור טשאויס׳ סעיווינגס פראגראם פארזיכערט אז פריוואטע סעקטאר ארבעטער קענען אוועקלייגן פאר רעטייערמענט אויף א באקוועמען, ביליגן אופן,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״מיין אדמיניסטראציע איז אנטשלאסן צו באוואכן די פינאנציעלע סטאביליטעט און ערפאלג פון אלע ניו יארקער, און דאס גאראנטירן אז זיי האבן א פארלעסליכע רעטייערמענט פלאן איז א גרויסער טייל פון יענער מיסיע.״

אונטער גאווערנער האקול׳ס פירערשאפט איז דער באורד איצט אין א פאזיציע אנצוהויבן איינפירן דעם פראגראם, וואס וועט פארזיכערן אז פריוואטע-סעקטאר ארבעטער האבן צוטריט צו א רעטייערמענט סעיווינגס פלאן. דער ׳סעקיור טשאויס׳ סעיווינגס פראגראם איז א זעלבסט-אויסהאלטנדע רעטייערמענט סעיווינגס פראגראם וואס פיגורירט אויטאמאטישע איינשרייבן און פעיראל דעדוקציע אין אן אינדיווידיועלע רעטייערמענט אקאונט (IRA). דער פראגראם וועט זיין געפאדערט פון דער מערהייט פון ארבעטסגעבער און באשעפטיגטע קענען זיך אויסשרייבן פון דעם פראגראם ווען אימער זיי זאלן וועלן.

אין לויף פון דער היינטיגער זיצונג, האט דער ׳סעקיור טשאויס׳ סעיווינגס פראגראם באורד אנגעוויזן פאר דעם דעפארטמענט פון שטייער און פינאנץ אונטערצונעמען דאס איינפירן פון דעם פראגראם. דער טעקס דעפארטמענט וועט באלד ארויסשטעלן אן עפנטליכע ׳פארלאנג פאר פארשלאגן׳ פאר א קאנסולטאנט צו העלפן אויספלאנירן דער ׳סעקיור טשאויס׳ סעיווינגס פראגראם. דאס איז א קריטיש-וויכטיגער טריט צו פארזיכערן אז דער פראגראם ווערט געשווינד איינגעפירט און הויבט אן העלפן ניו יארקער רעטייערער.

די איצטיגע ניו יארק סטעיט ׳סעקיור טשאויס׳ סעיווינגס פראגראם באָורד זענען:

**קריס קורטיס**, דעפארטמענט פון שטייער און פינאנץ קאמיסיאנער באשטימטער
**טאָם ניטידא,** ניו יארק סטעיט קאמפטראלער באשטימטער
**שירין עמאמי**, דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס סופעראינטענדענט באשטימטע
**בעט פינקעל**, סטעיט דירעקטארין פון AARP ניו יארק
**ליסא סארין,** בראנקס טשעימבער אָוו קאָמערס פרעזידענטקע

**אמטירנדער סעקרעטאר פון סטעיט ראבערט דזשעי. ראדריגעז האט געזאגט,** "דורך אוועקשטעלן דער ניו יארק 'סעקיור טשאויס' סעיווינגס פראגראם בּאָורד טוט גאווערנער האקול פירן אויף פאראויס דעם פלאן צו הייבן מיליאנען ניו יארקער צו א פינאנציעלע זיכערע שטאפל וועלכס וועט זיי ערלויבן צו לעבן זעלבסטשטענדיג אין רעטייערמענט. אלס אן אויסגעוועהלטע באאמטער אין איסט הארלעם און הויפט ספאנסירער פון דעם ביל פארשטייי איך דער נויט פאר אלע ניו יארקער צו קענען רעטייערן מיט זעלבסט-עהרע, און אין דער זעלבער צייט אויך צושטעלן פאר קלענערע ביזנעסער א גרינגע און ביליגע אפציע צוצושטעלן דעם לעבנס-ענדערנדן בענעפיט פאר אלע ניו יארקער, און מיט דעם פראגראם האט ניו יארק סטעיט גענומען שריטן צו ברענגען די פינאנציעלע באפולמעכטיגונג און יושר צו טויזנטער סיניאָרס אין ניו יארק. ביים דעפארטמענט אָוו סטעיט איז אונזער מיסיע צו שטיצן אונזערע קארפארעישענס און אינדיווידיועלע גע'לייסענסטע ארבעטער און דער פראגראם איז נאך א מיטל אויף צו פארזיכערן אז ניו יארק סטעיט שטיצט ארבעטער און קלענערע ביזנעסער אין אונזער סטעיט און אין דער זעלבער צייט בלייבן ריכטיג "אפן פאר ביזנעס."

**סענאטארקע דיענע סאווינא האט געזאגט,** "מענטשן קלערן שטענדיג אז זיי האבן צייט צו שפארן פאר רעטייערמענט אבער פילע טוען דאס נישט קיינמאל. אפהאלטן ניו יארקער פון זיך עלטערן אין ארעמקייט איז געווען דער ציל ווען דער דעמאלסדיגער אסעמבלימאן, איצט אמטירנדע סעקרעטאר פון סטעיט ראבערט ראדריגעז, און איך, האבן אפירגעברענגט א ביל מיט עטליכע יאר צוריק צו שאפן דער ניו יארק סטעיט 'סעקיור טשאויס' רעטייערמענט פלאן. איך אפלאדיר גאווערנער האקול פאר'ן זען די ווערד פון דעם פראגראם, און פאר'ן אונטערשרייבן די פארבעסערונגען אין דעם געזעץ, און פאר גיך צוזאמשטעלן דעם בּאָורד. איך האף אז מיטגלידער פון דעם בּאָורד וועלן נעמען גיכע און קלוגע שריטן אין ברענגען דעם פלאן צום פארענדיגונג."

פאר מער אינפארמאציע באזוכט דעם [ניו יארק 'סעקיור טשאויס' סעיווינגס פראגראם בּאָורד וועבזייטל](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן